בעזרת השם יתברך

# סיפורי מעשיות
גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת עקב

י"ח אב שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 10

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְּרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג', דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

דֶערְצֵיילְט דֶער רֶבִּי:

און דֶער וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין. וָואס עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין. כָּל זְמַן עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט דִי סוּחֶערֶעס וָואס עֶר הָאט מִיט גִינוּמֶען פוּן דֶער הֵיים הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעסִין. דֶער נָאךְ אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען און עֶר הָאט נִיט גִיהַאט צוּ עֶסִין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. וָואס טוּט מֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶעם וָואגִין עֶר זָאל עֶסִין גְרָאז. הָאט עֶר גִינֶעכְטִיגְט אַלֵיין אִין פֶעלְד. אִין עֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין גִיוָוארִין. אִיז בַּיי אִים אַוֶועק גִינוּמֶען גִיוָוארִין דֶער כֹּחַ הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין. נָאר רוּקִין זִיךְ. און עֶר פְלֶעגְט עֶסִין דָאס גְרָאז וָואס עֶס אִיז גִיוֶועְן אַרוּם אִים. און כָּל זְמַן עֶר הָאט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען צוּם גְרָאז און עֶסִין. הָאט עֶר גִיגֶעסִין. דֶער נָאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס גְרָאז אַרוּם אִים אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִירוּקְט וַוייטֶער. און הָאט וַוייטֶער גִיגֶעסִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיגֶעסִין דָאס גְרָאז אַ צַייט.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, מֶען זָאל זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן און דֶערְהַאלְטְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט גֵיין - מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן דֶעם וִוילְן פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

אַמָאל זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ וִוי גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ נִישְׁט בַּיי אִים צוּם בֶּעסֶערוּנְג, עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאגְט דֶער רֶבִּי: **"עֶר זָאל עֶסִין גְרָאז"**, דָאס מֵיינְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט עֶפֶּעס און פִילְט נִישְׁט קַיין טַעַם דֶערְבַּיי רוּפְט מֶען דָאס 'קֵייעֶן גְרָאז' אָדֶער 'קֵייעֶן שְׁטְרוֹי'; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן 'קֵיי גְרָאז', אֲפִילוּ עֶס גֵייט

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער; חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ, וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן חֲזַ"ל: "אַטוּ יִרְאַת שָׁמַיִם מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!" עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפַּרְשָׁה) אַז לְמַעֲשֶׂה רֶעדְט דָאךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז עֶר זָאגְט: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!" נָאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּשַׁט אַזוֹי, "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְתָא זוּטְרְתָא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵיגָה.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן דִי מַתָּנָה, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים; דֶער רֶבִּי נֶעמְט פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן וִוי מִיר זֶענֶען און מַאכְט אוּנְז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה און זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט דִי אֱמוּנָה, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּיי מִיר, דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז אֵיינֶער אַלֵיין אִיז מֶען אוֹיךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶענְדִיג מִיט זִיךְ; דַארְפְן מִיר דָאךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשע"ח)

דיך נִישְׁט, דו שְׁפִּירְסְט נִישְׁט קיין טַעַם אין אִידִישְׁקֵייט, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און פְּרוּבִיר צו טון וָואס דו קֶענְסְט יָא טון.

זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אויף, מֶען פְּרוּבִּירְט כָאטְשׁ צו טון וָואס מֶען קֶען יָא, מֶען עֶסְט די גְרָאז, וֶועט מֶען צום סוֹף זוֹכֶה זַיין אַרויס צו גֵיין פון אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, ווי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער אַז דֶער חִגֵר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ דַיימַאנְט, און אִיז גֶעוָוארְן אויס הִינְקֶעדִיג.

אַמָאל אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרַייטִיכְץ וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ נִיט גִיגֶעסִין. אִיז אִים דָאס קְרַייטִיכְץ זֵייעֶר גְפֶעלִין מֵחֲמַת עֶר הָאט גִיגֶעסִן אַ לַאנְגֶע צַייט קְרַייטֶכְצֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גִיקַאנְט. אוּן אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ. הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועזְן. עֶר וֶועט עֶס אוֹיס רַייסִין מִיט דֶעם וָוארְצִיל. אִיז גִיוֶועזְן אוּנְטֶערִין וָוארְצִיל אֵיין דוּמִיט. אוּן דֶער דוּמִיט אִיז גִיוֶועזְן פִיר עֶקִיכִיק אוּן אִיטְלִיכֶע זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט הָאט גִיהַאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה.

זָאגְט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דֶער דַיימַאנְט, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וואו מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים טְרֶעפְט מֶען אַ סְגוּלָה און אַן עֵצָה, דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען פול מִיט עֵצוֹת און סְגוּלוֹת אויף יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן.

מַאכְטְס עֶנְק שִׁיעוּרִים אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרַט אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אַזוֹי' שֵׁיין אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פון אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אַלֶעס וָואס אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר אוּנְז, און די זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", דָארְט שְׁטֵייט די זֶעלְבֶּע זַאכְן ווי אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל, עֶס אִיז נָאר מֶער אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אויף די הַיינְטִיגֶע שְׁפְּרַאךְ.

אוֹיף אֵיין זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן. אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגִין אַהִין ווִי טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף דְהַיְינוּ ווִי דִי זִין מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף אִין אֵיינֶעם. ווִי דֶער הָאט אוֹיס גִירִיסִין דֶעם קְרַייטִיכְץ מִיט דֶעם וָוארְצִיל (וָואס דָארְט אִיז גִיוֶועזְן דֶער דוּמִיט הָאט זִיךְ מִזְדַּמֵן גִיוֶועזְן. אַז עֶר הָאט אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. (דְהַיְינוּ בַּיי דֶער זַייט וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל עֶס זָאל אִים טְרָאגִין צוּ דֶעם אוֹרְט וָואס טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף).

הָאט דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָא זֶעט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; אַז מֶען לֶערְנְט די הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן וֶוערְט לִיכְטִיג פַאר די אוֹיגְן, "**טָאג און נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף**", עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין חִילוּק פַאר'ן מֶענְטְשׁ צְווִישְׁן טָאג - אַז עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ, און נַאכְט - אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֵיידְט יְסוּרִים און צָרוֹת לֹא עָלֵינוּ, ווייל דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז דֶעם עֵצָה וָואס מִיר זָאלְן טוּן וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז די עֵצָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער; וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן און מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת יֶעדְן טָאג, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין פְּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים און וָואס דְרוּקְט אִים - דֶער אִיז אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ און דֶער לֶעבְּט אַ גוּטֶע לֶעבְּן. דוּרְךְ די עֵצָה קֶען מֶען פַארְגֶעמֶען שְׁוֶוערֶע טֶעג; ווי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען מֶער בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווייסְט און מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

און דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין גֶעשְׁמַאקֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז מֶען גֵייט אִין אַ זַייט און מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אַז מִיר זֶענֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל וואו מֶען זֶעט פַאר די אוֹיגְן נָאר הִימְל, גְרָאז און בֵּיימֶער; עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ הָאלְטְן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אֲפִילוּ מֶען דַארְף דָא אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף די אוֹיגְן, אִיז דָאס אָבֶּער נִישְׁט די זֶעלְבֶּע ווי אִין שְׁטָאט - דָארְט קֶען מֶען מַמָּשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ; לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן די פָּאר וָואכְן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ דָא - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

און דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט: בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט מֶען נִישְׁט קֶענֶען דֶערְקֶענֶען קֵיין צְווִישְׁנְשֵׁייד צִי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן פוּן זַיין פְּרָאבְּלֶעם אָדֶער עֶר הָאט נָאךְ זַיין פְּרָאבְּלֶעם, מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען אוֹיף אִים צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת' אָדֶער עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעמַאכְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; ווייל ווי נָאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף אִים אַ צָרָה הָאט עֶר גְלֵייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ', גְלֵייךְ דֶערְנָאךְ הָאט

ער זיך שוין געשפּירט ווי אַ נייער מענטש, וואוסענדיג 'איך האב איינער וואס הערט מיר אויס און וועט מיר העלפן', און מען האט מער גארנישט געקענט דערקענען אויף אים אז ער גייט יעצט אריבער עפּעס שוועריגקייטן וכו'.

און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט ווייטער: דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן רכח): אַ מענטש וואס רעדט נישט צום איבערשטן האט נישט קיין קלארן ישוב הדעת, ער איז צעמישט און נישט רואיג; דורך התבודדות באקומט מען אַ רואיגקייט און אַ ישוב הדעת, דער מענטש ווערט אַ צופרידענער מענטש, ער איז צופרידן פון זיך, פון זיין ווייב, פון זיינע קינדער.

מען זעט ליידער אינגעלייט וואס זענען נעבעך נישט צופרידן פון זייער לעבן, גייען זיי יעדע שבת צו אַ צווייטע האטעל וכו' - האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריגן פון הארץ - וואו פארסטו? מיט וועמען פארסטו? עס זיצן דארט קאפּלס אויסגעמישט איינער מיט'ן צווייטן; וואו איז דיין יראת שמים?! דיין משפחה פארט אוועק אינאיינעם אויף אַ שבת, מען זיצט צוזאמען שוואגערס מיט שוועגערינס, וואס גייט פאר מיט דיר? דו האסט דאך אַ ווייב, פארוואס רעדסטו מיט דיינע שוועגערינס - מיט דיין ווייב'ס שוועסטער, מיט דיין ברודער'ס ווייב; און דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: מענטשן ווייסן דאס נישט, מיט קרובים איז דער 'איסור יחוד' אַסאך הארבער; אַז דו וועסט פרעגן אַ רב אַ שאלה אין הלכות יחוד, דו ארבעטסט מיט אַ פּרוי' ווי אַזוי דו זאלסט זיך פירן, וועט ער דיר מתיר זיין אויב עס איז דא אַ טיר וואס מען קען עפּענען וכו', אבער ביי אַ שוועגערין וכדומה איז נישט דא דעם היתר, ווייל מען שפּירט זיך באקוועם צו ארבעטן מיט איר.

האט עם אים אוועק גיטראגין אהין. וואו טאג און נאכט קומען זיך צום אויף. ער קוקט זיך ארום. און ער איז שוין דארט (ווי טאג און נאכט דהיינו די זון מיט דער לבנה קומען זיך אין איינעם צום אויף) האט ער גיהערט ווי די זון מיט דער לבנה שמועסין. און די זון האט זיך גיקלאגט פאר דער לבנה. באשר סע פאר האנדן איין בוים וואס דער בוים האט אסאך צווייגין און פּירות און בלעטליך. און איטליכע צווייג און איטליכע פּרי און איטליכש בלעטיל. האט אין זיך אַ באזונדערע סגולה. דאס איז מסוגל צו קינדער. און דאס איז מסוגל צו פרנסה. און דאס איז מסוגל סע זאל היילין דאס חולאת. און דאס איז מסוגל צו איין אנדער חולאת. איטליכס פּיציל פון דעם בוים. איז מסוגל צו איין אנדערע זאך. און דעם בוים וואלט מען גידארפט אן טרענקען. און אז מזאל אים אן טרענקען. וואלט עס זייער מסוגל גיוועזן. און לא די איך טרענק אים ניט אן. שיין איך נאך אויף אים, און פאר טריקין אים.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דער בוים דאס איז דער צדיק, דער הייליגער רבי, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (תקוני הזהר, כ"א.) 'עץ דא צדיק'; דער רבי האט עצות און סגולות אויף יעדע פּראבלעם, פאר יעדע מענטש אויף די וועלט.

האט זיך די לבנה אן גירופן (צו דער זון) דו זארגסט אַ פרעמדע זארג. איך וועל דיר דער ציילין מיין דאגה. באשר איך האב טויזנט בערג. און ארום די טויזנט בערג. איז דא נאך טויזנט בערג. און דארט איז דאס אורט פון שדים. און די שדים האבן הינירשע פיס. האבין זיי קיין כח ניט אין די פיס. נעמען זיי כח פון מיינע פיס. און מחמת דעם האב איך קיין כח ניט אין מיינע פיס. און איך האב אַ פול (דהיינו אַ שטויב) וואס דער פול איז אַ רפואה צו מיינע פיס. קומט אַ ווינט און טראגט אים אוועק.

האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: דאס פלעגן אנשי שלומינו אסאך חזר'ן וואס דער רבי זאגט דא: "די לבנה האט געזאגט פאר'ן זון, וואס זארגסטו פרעמדע זארג? איך וועל דיר דערציילן מיינע זארג, איך האב נישט קיין כח אין מיינע פוס, די שדים נעמען צו מיינע כוחות".

זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: ווען אַ מענטש היט זיך נישט די אויגן, ער קוקט עבירות רחמנא לצלן און ער פאלט נאכדעם אראפּ אין פּגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, באשאפט ער דורכדעם קליפּות ומשחיתים וואס גייען אריין אין אים און פּייניגן אים זיין גאנץ לעבן (ספר המידות, אות נואף, סימן כו). דאס דארף זיין אונזער זארג, דאס איז די איינציגסטע זארג וואס מיר האבן, איך האב נישט קיין כח אין מיינע פוס, איך בין ארום גענומען מיט קליפּות ומשחיתים, די שדים נעמען צו מיינע כוחות.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געזאגט: 'חטאות נעורים' זענען די עבירות וואס מען האט געטון ביז די דרייצן יאר, נאך די דרייצן יאר איז עס שוין 'חטאות זקנים'...; פון אינדרויסן קען מען גארנישט דערקענען אויף אַ מענטש, אלעס קוקט אויס ביי אים צום גוטן, אבער וואס טוט זיך אינעווייניג?!; דו האסט אַ טעלעפאון, אַ טעבלעט, און דו קוקסט רחמנא ליצלן

אַלֶע שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?!

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס וָואס אִיךְ רֶעד בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען קֶען זֶען אוֹיף מָאווִיי"ס - דָאס אִיז אַלֶעס וָואס אִיךְ הֶער פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקוּקְט קֵיין מָאווִיי"ס; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ צָרָה, תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן זִיךְ קוֹים אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן זֵייעֶר שְׁמוּץ וְכוּ', קוּמֶען אַיינְטֵיילְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף פִירְן דֶעם מוֹסָד, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין בֶּעסֶער, פְרֶעגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: "ווִיפִיל הָאסְטוּ שׁוֹין אַלְץ צַאמְגֶעקוּקְט אִין דַיין לֶעבְּן? - אָדֶער בֶּעסֶער גֶעזָאגְט - וָואס קוּקְסְטוּ נָאךְ יֶעצְט?! אוּן דוּ קוּמְסְט מִיר אַיינְטֵיילְן ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן מוֹסָדוֹת?! דוּ שְׁטִינְקְסְט נָאךְ פוּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת אוּן חֲטָאוֹת נְעוּרִים וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעטוּן, דוּ דַארְפְסְט נָאךְ הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן, וואוּ קֶענְסְטוּ קוּמֶען אַיינְטֵיילְן 'מֶען דַארְף דָאס טוּישְׁן', 'מֶען דַארְף יֶענְץ טוּישְׁן'?!"

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְבַּיי דֶערְמַאנְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת כו.) וָואס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי רַבָּנָן: "מַזֶּה בֶּן מַזֶּה", אַ כֹּהֵן אַ זוּן פוּן אַ כֹּהֵן, "יַזֶּה", זָאל שְׁפְּרִיצְן דִי מֵי חַטָּאת אוֹיף טְמֵאִים, "וּמִי שֶׁאֵינוֹ לֹא מַזֶּה וְלֹא בֶּן מַזֶּה", אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין כֹּהֵן אוּן נִישְׁט קֵיין זוּן פוּן אַ כֹּהֵן, "יֹאמַר לְמַזֶּה בֶּן מַזֶּה מֵימֶיךָ מֵי מְעָרָה וַאֲפָרְךָ אֵפֶר מַקְלֶה", זָאל זָאגְן צוּם כֹּהֵן אַ זוּן פוּן אַ כֹּהֵן: "דַיין שְׁפְּרִיצְן אִיז נִישְׁט גוּט, ווַייל דַיין וַואסֶער אִיז נִישְׁט קְוָואל וַואסֶער, אוּן דַיין אַשׁ אִיז נִישְׁט כָּשֵׁר עֶס אִיז נִישְׁט פוּן דִי פָּרָה אֲדוּמָה, נָאר סְתַּם אַשׁ פוּן אוֹיוְון"?!

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער: נָאכְדֶעם קוּמְט עֶר מִיט קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר אִיז אַ קוּלְט; אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט אַז מֶען קֶען נִישְׁט חֲתוּנָה בֶּעפָאר מֶען וֶוערְט אַכְצְן יָאר, אַ צְווייטֶער פַארְשְׁטֵייט נָאךְ בֶּעסֶער אַז מֶען דַארְף ווַארְטְן בִּיז דִי צְוָואנְצִיג, צְווַיי אוּן צְוָואנְצִיג אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א - דֶער טִיר אִיז אָפְן, מֶען צְווִינְגְט קֵיינֶעם נִישְׁט דָא צוּ בְּלַייבְּן, דוּ קֶענְסְט שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין וֶועלְכֶע מוֹסָד דוּ ווִילְסְט, וֶועם עֶס גֶעפֶעלְט נִישְׁט דֶעם פְּלַאץ 'קֶען פַּאקְן פֶּעק', עֶר זָאל עֶפֶענֶען אַ נַייעֶר בֵּית הַמֶּדְרָשׁ 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' בִּנְשִׂיאוּת... - דָארְט וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן וָואס עֶס גֶעפֶעלְט דִיר...; וָואס הָאסְטוּ מוֹרָא פוּן אַוֶועק גֵיין? קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט בַּארֶעדְן אַז דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דָא.

מֶען דַארְף גוּט גֶעדֶענְקֶען פוּן וואוּ מֶען קוּמְט, וָואס מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעטוּן אוּן וָואס מֶען טוּט נָאךְ יֶעצְט; דוּ קוּמְסְט צוּם רֶבִּי'ן נִישְׁט צוּ זָאגְן פַאר'ן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי צוּ הֵיילְן, נָאר דוּ ווִילְסְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל דִיךְ הֵיילְן אוּן אָפְּוַואשְׁן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צוּרִיק צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן עִנְיָן ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים: "דוּ אַרְבֶּעטְס דָאךְ אִין הַייזֶער פוּן מֶענְטְשְׁן, דַארְפְסְטוּ גוּט קֶענֶען 'הִלְכוֹת יִחוּד', דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן דִי הֲלָכָה וָואס צוּ טוּן אַרַיין קוּמֶענְדִיג אִין אַ הוֹיז אוּן דוּ זֶעסְט אַז נָאר דִי פְרוֹי אִיז אִינְדֶערְהֵיים".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן הָאַדְמוֹ"ר מִלְיוּבַּאווִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס מֶען זֶעט דֶערְפוּן ווִי שְׁטַארְק עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף 'הִלְכוֹת יִחוּד'; אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶערְמַאן צוּם לְיוּבַּאווִיטְשֶׁער רַבִּי, דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס עֶירְקַאנְדִישָׁאן אוּן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי רֵייעֶ צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע, דֶער גַבַּאִי הָאט אִים בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דֶעם אִינְגֶערְמַאן: "דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעקוּמֶען פַארְרֶעכְטְן דֶעם עֶירְקַאנְדִישָׁאן", הָאט דֶער רַבִּי אִים צוּגֶערוּפְן אוּן גֶעפְרֶעגְט: "דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת יִחוּד?" הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט הִלְכוֹת יִחוּד", פְרֶעגְט דֶער רַבִּי וַוייטֶער: "הָאסְטוּ זִיךְ דָאס פַארְהֶערְט?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִינְגֶערְמַאן: "יָא", פְרֶעגְט דֶער רַבִּי וַוייטֶער: "בַּיי וֶועמֶען הָאסְטוּ זִיךְ עֶס פַארְהֶערְט?" הָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּיי דֶעם רַב אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג", הָאט דֶער רַבִּי גֶעפְרֶעגְט דֶעם גַבַּאִי'ן: "דֶער רַב אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם?" הָאט דֶער גַבַּאִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא, עֶר אִיז אַ יְרֵא שָׁמַיִם", דַאן הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעלָאזְט אַרַיין גֵיין אִין שְׁטוּבּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם עֶירְקַאנְדִישָׁאן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְדִיגְט: דוּ גֵייסְט אַהֵיים, זֶע צוּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, אוֹיבּ נֶעכְטְן הָאט מֶען גֶעבְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפ'ן אַנְדֶערְן בֶּעטְס עֶנְק אִיבֶּער; זֶע אַז עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ אוּן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה.

אַז מִיר וֶועלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחַגֵר - חֵלֶק ד')

(פַארְגֶעלֶערְנְט שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת דְּבָרִים תש"פ לפ"ק)